# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



ז

# פרנסה

ביים הייליגן רבי'ן האט זיך איינער אמאל באקלאגט אויף פרנסה - ער האט געדארפט האבן פרנסה. האט דער הייליגער רבי געזאגט; וויאזוי ער האט א הארץ - ס'איז נישטא מער צו זארגן נאר אויף פרנסה?! און ער האט געזאגט - אז 'ברויט' מיט 'אוגערקעס' איז א גוט מאכל! הייסט עס - הכרחיות! א שטיקל ברויט מיט א שטיקל אוגערקע! הכרחיות! נו, איז וואס'זשע?! אויף הכרחיות דארף מען נישט זיין ארייגעטוהן - דארף מען נישט פארברענגען אזויפיל צייט, אזויפיל דאגות - א שטיקל ברויט מיט א אוגערקע!... אבער נעבעך אזוי איז אלסדינג - דירות, מיט מלבושים.

דער טשעהרינ'ער רב (מתלמידיו של מוהרנ"ת, מח"ס אוצר היראה, דרך חסידים, לשון חסידים ועוד) - איז געווען אזא גאון און אזא צדיק, האב איך געהערט אז ער האט געלעבט אין שטוב אזוי ווי דער גרעסטער ארימאן! בהכרחיות! בצמצום גדול! יא. ער האט געהאט גוטע געהאלט, ער איז געווען א גאון, ער איז געווען דער ראש בית דין, יא. און ער האט געקענט לעבן אזוי ווי די וועלט. ניין! ער האט געלעבט אין שטוב אזוי ווי אן ארימאן, בהכרחיות! יא.

*

איך האב געזעהן, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אז איך האב נישט קיין כשרונות, איך האב נישט קיין כשרונות, און דער אייבערשטער האט אזוי געוואלט, און איך בין נישט געווען צופרידן, מיר איז געווען קשה אויפ'ן רבונו של עולם - וואס האט ער מיר נישט געגיבן איך זאל זיין א בעל מוח, וואלט איך געקענט עפעס אויפטוהן - וואלט איך געקענט מקרב זיין מענטשן מער. נו, ס'איז אלץ שטותים! אלע קשיות - אזוי, א מענטש ווייסט וואספארא גלגול ער איז געווען?! - וואס ער דארף מתקן זיין אין די עטליכע יאר אויף די וועלט?!...

* * *